# THE SHEPHERD OF ISRAEL

ENGLISH DEPARTMENT

Vol. XIII. No. 9 — 50 CENTS A YEAR — MAY, 1931

## CHARITY BEGINS AT HOME

From the New York Times we have taken the following report of a sermon delivered by Rabbi Krass:

> "The adherents of religion are too often taunted by unbelievers regarding the prejudices of religious groups toward each other." the Rev. Dr. Nathan Krass said in his sermon yesterday morning before Congregation Emanu-El, Sixty-fifth Street and Fifth Ave.
>
> "The practical purpose of religion touching human relationships has been tersely and tellingly expressed by the Psalmist when he exclaimed: 'Behold how good and how pleasant it is for brethren to dwell together in unity'" said Dr. Krass. The time has come, he said, for Jews and Christians to drop their ancient prejudices.
>
> "The age-long hostility must be transmuted into fellowship," he said: "the persistent prejudices must be transformed into sympathy, the bitterness of the centuries must be supplanted by 'sweetness and light.'"

But, Rabbi Krass, charity begins at home, and it is a poor preacher who is not willing to practice what he preaches. For instance, since you are offering advice to the Christians and to the Jews also, to drop their prejudices and transform them into sympathy, why not start yourself by setting the Christians and the Jews an example? The example that would be most effective and would prove your own sincerity, is that you drop your own prejudices against your fellow Jews who have become believers in the Lord Jesus Christ. Why is it that when one of your own flesh and blood, whom you ought to love with all your heart, becomes a believer in the Lord Jesus Christ, all the fury of Jewish temper is let loose upon him, even tho down in his heart and in his daily living he is a far better Jew than the average Jews that roam about New York?

### עזער דאַרף פאַרלייענען BROTHER JEW

Until we Jews can overcome our own petty prejudices and our meanness of thought and insinuation against our brother Jew who believes in the Lord Jesus Christ, it is a vain thing, if not indeed hypocritical, for Jewish rabbis to demand of Christians that they should drop their prejudices.

**40 CTS. WORTH FOR 25 CTS.**

Send us 25c. in coin or Stamps and we will mail you a 40c New Testament in Hebrew, Yiddish or English. Should our supply be gone, however, we reserve the right to return your money:

Address:

THE SHEPHERD OF ISRAEL
27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.

The Lord Jesus Christ when He was here upon the earth in the body told the Jews of His day something which has pointed application in this very case. It was this, "Why beholdest thou the mote that is in thy brother's eye, but considerest not the beam that is in thine own eye? Thou hypocrite, first cast out the beam out of thine own eye; and then shalt thou see clearly to cast out the mote out of thy brother's eye." Matt. 7:3, 5.

There will come a time when our Jewish people will truly stop finding fault with others, and will re-examine their own hearts; then will come to them a startling revelation of the sinfulness and wickedness of the human heart, and they will turn to the Lord Jesus Chri t and receive from Him a new heart, a heart of flesh instead of a heart of stone, and then a wonderful miracle will take place, for we Jews will all then be righteous thru the Lord Jesus Christ, because God will look at us thru His righteousness, the righteousness of God's only begotten Son, the Lord Jesus Christ.

### JEWS TO BE WORLD LEADERS

And when our Jewish people shall wake up and accept the Lord Jesus Christ, they will go out in the world and tell the Gentiles the story of the Lord Jesus Christ. Thus, and thus only, will we Jews really have a message for the world. And when we have that message, God tells us in the Bible that thousands upon thousands of Gentiles from among all the nations of the earth will listen to us, and will thank us. And from us they will learn to worship the God of Abraham and Isaac and Jacob, and to sing praises to the Lord Jesus Christ, our Jewish Messiah. For God tells us concerning those times in Zech. 8:23.

> "Thus saith the Lord of hosts: In those days it shall come to pass, that ten men shall take hold out of all languages of the nations, even shall take hold of the skirt of him that is a Jew, saying: We will go with you; for we have heard that God is with you."

Just think of it! Ten Gentiles will be chasing after one Jew to learn from him the true knowledge of God thru the Lord Jesus Christ! In these sad days when our Jewish people have turned their back against God, the only time we ever see ten Gentiles chasing after one Jew, is with a brick; but there is coming a day, when the Jews will wake up, and they will realize the terrible mistake that they have made for the last two thousand years; and they will turn with repentance to the Lord Jesus Christ Then ten Gentiles will run after each Jew to ask him to show him the way to God.

God did not make you to sell clothing on Broadway, nor to peddl from a pushcart. God made you to be a light to the Gentiles, and to show the Gentiles the way to God. You cannot be that light and you cannot show anv Gentile the way to God until you yourself have found that way, and that way can only be found through the Lord Jesus Christ.

Will you accept Him today?

### OUR HEADQUARTERS



**BETH SAR SHALOM**

**Throop Avenue and Walton St.**

**Brooklyn, N. Y.**

## A DRINK FROM THE FOUNTAIN

> (Whosoever drinketh of the water that I shall give him shall never thirst; but the water that I shall give him shall be in him a well of water springing up into everlasting life."—John 4:14)

And he spake a parable unto them saying, The ground of a certain rich-man brought forth plentifully: and he thought within himself, saying, What shall I do, because I have no room where to bestow my fruits? And he said, This will I do: I will pull down my barns and build greater; and there will I bestow all my fruits and my goods. And I will say unto my soul, Soul, thou hast much goods laid up for many years; take thine ease, eat, drink, and be merry. But God said unto him, Thou fool, this night thy soul shall be required of thee; then whose shall those things be, which thou hast provided? So is he that layeth up treasure for himself, and is not rich toward God. Luke 12:16-21.

שיקט אונז 25 סענט אין סטעמפּס וועלען
מיר אייך שיקען אַ נייעם טעסטאַמענט
אין אידיש, ענגליש אָדער העברעאיש.
דאַס וועט אייך די אויגען עפענען.

Published Monthly, except bi-monthly during July and August by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.

זאגט, "ביז ס'וועט ווערען וועניגער תלמידי חכמים" א דריטער זאגט, "ביז ס'וועט זיך אויסלאזען דאס געלד פון דער קעשענע". און א פיערטער זאגט, "ביז מ'וועט זיך מיאש זיין פון דער גאולה". (סנהדרין צ"ז).

ר' זעירי זאגט, "דער בן דוד וועט נישט קומען ביז דאס גדלות וועט זיך ניט ענדיגען ביי אידען". און ווידער "אז דער בן דוד וועט נישט קומען ביז אלע וועלען זיין גערעכט ביי גאט אדער אלע וועלען זיין שולדיג". (סנהדרין פ"ח) אן אנדערער זאגט ווידער, אז "דער בן דוד וועט נישט קומען ביז אלע מלוכות וועלען איבערטרעטען צום גלויבען אין ישוע הנוצרי". (סנהדרין צ"ח) ר' הלל האט געזאגט, "ישראל האט קיין משיח, ווייל מ'האט איהם פארניכטעט אין די צייט פון חזקיה". (סנהדרין צ"ט).

אין מסכת סוכה נ"ב. געפינען מיר, אז ס'דארף זיין צוויי משיחים, משיח בן יוסף וואס וועט געהרג'עט ווערען און משיח בן דוד וואס וועט זיין דער מלך המשיח.

דער אבן עזר זאגט אויף ישעיה נ"ג, אז דער משיח איז געבוירען געווארען אין דעם טאג ווען דאס בית המקדש איז חרוב געווארען און אז ער איז געבונדען געווארען אין קייטען א. ז. וו.

אט פון די אלע אנגעפיהרטע שטעלען איז גענוג צו זעהן ווי די חכמי התלמוד האבען געבלאנדזשעט און געטאפט אין דער פינסטער און האבען אליין פארפלאנטערט די פראגע וועגען משיח און לויט זייערע אייגענע דבורים קאן מען גאר קיין בעשטימטעס וועגען דעם ענין נישט וויסען. און אט־אדא איז די טראגעדיע, ווייל זיי אליין האבען דאך געזאגט אז די הויפט זאך פון תנ"ך איז דער משיח: "אמר ר' יוחנן, כל הנביאים כלם לא נתנבאו אלא לימות המשיח". (ברכות ל"ד. שבת ס"ג) און ווידער זאגט אן אנדערער, "אז די גאנצע וועלט איז נישט בעשאפען געווארען נור צוליעב דעם משיח". (סנהדרין צ"ח).

און אט הערט וואס דער גרויסער אויטאריטעט החכם ר' יוסף אלבו זאגט (געלעבט בערך 500 יאהר צוריק) אז אין גאנצען תנ"ך איז גאר נישט געזאגט וועגען משיח, עס איז נור א קבלה זאך, און ווען עמיצער גלויבט נישט אין משיח, איז ער נישט דערפאר א כופר בעיקר ווייל דאס איז נישט דער עיקר פון דער תורה. (עקרים מאמר ד' פרק מ"ב).

נון ווען צווישען די גדולי הדור גופא איז דא אזוי פיעל סתירות און אונבעגרינדעטע מיינונגען וועגען משיח, וואס קען מען שוין ערווארטען פון די היינטיגע פיהרערס? עס איז נעביך אויף זיי [illegible] מקוים געווארען דאס שטראף־ווארט וואס גאט האט געזאגט דורך ישעיה הנביא קאפ. כ"ט, אז א גייסט פון דרימעל איז אויסגעגאסען אויף די אידישע פיהרערס, זיי האבען פערמאכט זייערע אויגען און זעהען פאלשע חלומות, אבער דאס תנ"ך איז פאר זיי א פער'חתמ'עט בוך. דיזע טרויריגע ערשיינונג קומט פון דור דורות בירושה ביז צום היינטיגען טאג, און אט דאס איז איינע פון די וויכטיגסטע סבות וואס אונזער פאלק בכלל ווייסט נישט ווער דער משיח איז און גלויבט נישט אז ישוע איז דער אמת'ער משיח וואס גאט האט אונז פארשפראכען ע"פ תורת משה והנביאים.

ווער אבער פון די ווערטהע לעזער איז ערענסט און וויל וויסען ווער דער אמת'ער משיח איז, דעם געבען מיר אן עצה צו פארשען אין תנ"ך און דאס פערגלייכען מיט'ן ברית החדשה און אליין אויסגעפינען אז אלע נביאות פון תנ"ך אויף'ן משיח איז ערפילט געווארען אין ישוע המשיח, און דאן וועט איהר מיט אונז אלע מאמינים פון אלע צייטען קענען זאגען, "מיר האבען געפונען דעם פון וועלכען משה און די נביאים האבען געזאגט, ישוע פון נצרת". (יוחנן א, קאפ. 46).

ל. אווערבאך.

---

## א מאדערנער יונה

עס איז א טרויריגע ערשיינונג דאך זעהר אמת אז דאס אידישע יונגע דור וואס וואקסט איצט אויף, בעזאנדערס דא אין אמעריקא, איז זעהר שטארק דערווייטערט פון רעליגיאן בכלל און פון גאט בפרט. זיי האבען עפעס געהערט פון א "דארווין" און פון א "דאראו" און נאך אזאלכע גוי'שע אפיקורסים, האבען זיי זיך דערצו צוגעכאפט און מיינען אז עס איז תורת משה. ווען אימיצער לעזט זייערע שריפטען האבענדיג כאטש עפעס שטודירט פון וויסענשאפט, קאן מען מיט שכל איינזעהען און אויספארשען אז זייערע אלע אפיקורסישע טענות האבען לחלוטין קיין שורש נישט און א סוף אן עק.

די היינטיגע יונגע לייט אבער, האבען צום באדוירען זעהר ווייניג חכמה און וויסענשאפט געלערענט דאס אין אנבעטראכט צו נעמען. זיי הערען אז איינער האט געזאגט אז בכן א מענש שטאמט פון א פיש אדער פון א מאנקי, (אף) זאגען זיי באלד נאך די תורה (אווי א מאנקי) זיי ווילען זיך אבער נישט די מיה אדער די צייט נעמען צו לעזען אין וויסענשאפטליכע מאגאזינען פון אונזערע גרעסטע וויסענשאפטס מענער וועגען דער זאך.

אט האמיר למשל דעם גרויסען און אלבעקאנטען וויסענשאפטס מאן, דר' קלארק, פון וואשינגטאן, צו וועמען די גרויסע אמעריקאנער רעגירונג האט דעם גרעסטען צוטרויען, וועלכער איז דער הויפט פון דעם סמיטסאניען מוזעאום אין וואשינגטאן. דר. קלארק האט פארעפענטליכט זיינע מיינונגען צו דער וועלט, אז מ'זאל זיך נישט לאזען אבנארען פון אזאלכע וואס אגיטירען "עוואלוציע" פון א מאנקי, ווייל דער מענש ערשיינט אין דער היסטאריע אזוי פלוצים אווי גלייך ער וואלט ארונטער געקומען פון הימעל. די היסטאריע גיבט דעם מענש קיין שום באציהונג אדער פארבינדונג מיט אנדערע קרעאטורען דערפאר מוז ער זיין געשאפען א ספעציעלע בריאה פון גאט ב"ה.

אויך האבען זיך די איצטיגע אידישע יוגענד צוגעהערט צו עפעס א נארישען אפיקורס וואס לייקענט אפ די געשיכטע פון יונה וואס איז רעקארדעט אין דעם הייליגען תנ"ך. דארט לעזען מיר אז יונה הנביא האט נישט געוואלט פאלגען גאט און איז דערפאר געקומען צו א גרויסען אומגליק וואס א וואלפיש (דג גדול) האט איהם איינגעשלונגען. די אפיקורס'ישע טענה איז, בכן, א וואלפיש האט אן אויסערליך ענגען האלז וואס קאן בשום אופן נישט אראב שלינגען א מענש, קומען זיי דערפאר צום שלום אז דאס איז א שקר.

הערט אייך אבער צו צו דער מעשה נורא וואס קומט פון דעם גרויסען פאריזער ליטעראטי מ־דע פארוויל", רעדאקטאר פון באריהמטען זשורנאל "דעם דיבעטס„ וועלכער האט באשטעטיגט די פאלגענדע עראייגנים.

"לעצטען פעברואר איז די שיף "סטאר אף די איסט" געקאמען צו דער נאכבארשאפט פון די פאלקלאנד אינזלען צו פאנגען וואלפיש. אין איין־דער־פריה, האט דער וועכטער פון שיף דערזעהן אן אונגעהייערען וואלפיש צירקא דריי מייל וויט. עס זענען געווען צוויי שיפען צוזאם און ביידע האבען זיך אוועקגעלאזט אין דער ריכטונג פון וואלפיש. ווען זיי זענען נאהענט צוגעקאמען האט דער האקען־ווארפער פון שיף א ווארף געטון א שפיעז אין דעם וואלפיש וועלכעס האט פעראורזאכט אז דער פיש האט זיך שנעל אונטערגעטויכט און מיט גרויסע שמערצען אייניגע מייל אוועקגעשווימען.

פלוצים האט זיך דער וואלפיש צוריק געקערט צום שיף און האט אפנים געוואלט פאר כעס און פאר שמערץ דאס שיף איבערקעהרען, דער האקען־ווארפער האט אבער שנעל אן אנדערע שפיעז אין איהם געציעלט וועלכע האט דעם פיש געמאכט עפעס ווי משוגע. ער האט זיך אנגעהויבען ווילד ארומצואווארפען, געשפרינגען אין דער לופט און אין זיין טויט־אנגסט געפליאסקעט מיט'ן עק און געזעצט מיט'ן קאפ געגען איינעם פון די צוויי שיפען ביז ער האט דאס איבערגעקעהרט און די פישער זענען אלע אין וואסער געפאלען. ביז דאס צווייטע שיף איז אנגעקומען זיי העלפען איז איינער פון זיי שוין געווען דערטרונקען און אן אנדערע" האט אין גאנצען אויסגעפעהלט און מען האט זיך פון איהם שוין לגמרי מיאש געווען.

דער וואלפיש האט זיך אויסגעשטרעקט א טויטער און מ'האט זיך צו איהם גענאמען מיט העק און מיט פיקעס שניידענדיג דאס מאסיווע פלייש כדי צו דערגרייכען די פעטקייט וועלכעס איז דער עיקר פון א וואלפיש, אזוי ארבייטענדיג צוויי טעג האבען זיי דערגרייכט דעם מאגען. און ווי איבערראשט זענען זיי געווען דארט צו דערפיהלען עפעס אזוי ווי א לעבעדיגע זאך זיך באוועגען. זיי האבען באלד דעם מאגען אויפגעעפענט און צו זייער גרויסער ערשטוינונג האבען זיי דארט געפונען דעם מאטראז וואס איז פערשוואונדען געווארען.

זאל דער ווערטהער לעזער דאס פארלייענען די יונגע חברה און אנדערע וואס לאכען זיך אויס פון דער געשיכטע אין תנ"ך וועגען יונה מיט דער וואלפיש. וואס איז באשטעטיגט פון דעם אלבעקאנטען רעדאקטאר פון דער צייטונג, אז א וואלפיש קאן יא איינשלינגען א מענש און די געשיכטע פון יונה איז אמת אזוי ווי אלע אנדערע זאכען וואס דאס הייליגע תנ"ך ערצעהלט אונז.

און ווען מיר רעדען דא פון יונה, קאנען מיר נישט פארביי געהן און באמערקען דעם סימבאלישען סימן וואס גאט האט דרין אריינגעשטעלט, נעמליך: "אזוי ווי יונה איז געווען אין בויך פון דעם פיש דריי טעג אזוי וועט אויך מוזען דער מענשענזאהן (ישוע המשיח) זיין אין דער ערד דריי טעג" (מתתיהו י"ב, 40) פון דער קרייציגונג אם פרייטאג ביז דעם פאלגענדען זאנטאג ווען ער איז אויפגעשטאנען פון די טויטע.

איצט קאנען מיר שוין לייכט פארשטעהן ווארום גאט האט דוקא צוגעלאזט אז יונה הנביא זאל זיין דריי טעג און דריי נעכט אין דעם וואלפיש, גאט ב"ה האט אונז דאדורך געוואלט געבען א צייכען און א ווינק צו ישוע המשיח.

